ב"ה

# טעראפּי

- ענקזייעטי
- דיפּרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאָנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 81

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי קען איך מאכן זיכער זיך צו האלטן צו מיינע קבלות?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב אסאך מאל אז איך נעם זיך אונטער א גוטע קבלה, ווי למשל צו לערנען משניות יעדן טאג, צו היטן די אויגן אדער די מחשבה, און דאס גלייכן פארשידענע גוטע קבלות. למעשה ווען עס גייט אבער אריבער א שטיק צייט ווער איך שוואך אין דעם, איך קען זיך נישט האלטן ווייטער צו די קבלה.*

*ווי אזוי קען איך מאכן אז איך זאל זיך האלטן שטארק מיט א גוטע קבלה, און נישט צוריק פאלן?*

*א גרויסן יישר כח, אהרן*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת קרח, א' דראש חודש תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### א וויכטיגער כלל אין עבודת השם

דער רבי פארענטפערט די קשיא וואס דו פרעגסט; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רסא): "כְּשֶׁנּוֹפֵל אָדָם מִמַּדְרֵגָתוֹ יֵדַע שֶׁמִּן הַשָּׁמַיִם הוּא, כִּי הִתְרַחֲקוּת תְּחִלַּת הִתְקָרְבוּת, עַל כֵּן נָפַל שֶׁיִּתְעוֹרֵר יוֹתֵר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", ווען א מענטש פאלט אראפ אין עבודת השם, ער פאלט צוריק צו זיינע פריערדיגע מעשים זאל ער וויסן אז פון הימל האט מען אים אוועק געשטופט, כדי ער זאל אנהייבן פון דאסניי מיט א פרישקייט דינען דעם אייבערשטן, "וַעֲצָתוֹ שֶׁיַּתְחִיל מֵחָדָשׁ לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת ה' כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן כְּלָל מֵעוֹלָם", די עצה פאר אים איז ער זאל מאכן א פרישע קבלה, ער זאל פון פריש אנהייבן דינען דעם אייבערשטן כאילו ער האט נאך קיינמאל נישט פרובירט פארדעם, נאר דאס איז די ערשטע מאל וואס ער הייבט אן דינען דעם אייבערשטן. "וְזֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה', שֶׁצְּרִיכִין מַמָּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ", ווייל דאס איז א וויכטיגער כלל אין עבודת השם, אז מען זאל זיך אלץ באנייען, מען זאל אנהייבן פון פריש דינען דעם אייבערשטן; א מענטש טאר נישט קוקן אויף גארנישט, ער זאל אנגיין אפילו ער האלט אין איין צוריק פאלן, אזוי וועט ער מצליח זיין.

### אזוי גייט עס ווען מען וויל ווערן אן ערליכער איד

איך בעט דיר, זיי נישט צעבראכן פון דעם וואס דו זעסט אז עס גייט אריבער אסאך צייט און דו מוטשעסט זיך און דו קומסט נישט אן וכו' וכו', ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן מח): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אזוי גייט עס ווען מען וויל ווערן אן ערליכער איד, מען שפירט ווי קיינער דארף דיך נישט, מען האט שטארקע ראיות אז מען דערווייטערט אים; אבער דער רבי זאגט: "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", דאס איז נאר א וועג ווי אזוי מען וויל דערנענטערן דעם מענטש צום אייבערשטן, און אויב דער מענטש איז שטארק ביי זיך און ער דערהאלט זיך, דאן וועט ער אלעס אריבער גיין און ער וועט זוכה זיין צו אלע מדריגות וואס עס איז נאר פאראהאנען.

דאס איז דיין שיינקייט און דאס האט דער אייבערשטער ליב, צו זען ווי א איד וואס עס קאכט אין אים אלע שמוץ און נארישקייטן, דאך דערהאלט ער זיך און ער קומט נאכאמאל צוריק, ער בעט דעם אייבערשטן און ער וויינט זיך אויס: "**רבונו של עולם איך וויל זיין אן ערליכער איד, האב אויף מיר רחמנות וכו' וכו'**"; דאס קען אפילו א מלאך נישט באווייזן.

### <u>היינט</u> הייב איך אן דיר צו דינען

ווען דו שטייסט אויף אינדערפרי זאלסטו מאכן יעדן טאג א פרישע קבלה; זאג פארן אייבערשטן: "היינט גיי איך אפלאזן אלע נארישקייטן, היינט הייב איך אן דיר צו דינען, היינט גיי איך זיין אן ערליכער איד"; קוק נישט אויף דעם וואס דער יצר הרעווארפט דיר אראפ און געב נישט אויף ווען דו זעסט אז דיינע קבלות האלטן נישט אן.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", אין דעם זענען זיך די ערליכע אידן טועה, ווען זיי זען ווי זיי פרובירן צו זיין גוט און ערליך, און פלוצלינג פאלט מען אראפ אין א ירידה, עס דאכט זיך זיי אז זיי זענען אראפגעפאלן, זאגט דער רבי - "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", אז באמת איז דאס נישט קיין נפילה, דאס איז נאר א דמיון וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אינעם מענטש ווען

ער איז מצליח און ער קען שוין גיין ווייטער אין די קדושה, דעמאלט מאכט ער אז דער מענטש זאל האבן חלישות הדעת, ספיקות און מניעות וכו', אבער מען טאר נישט קוקן אויף דעם נאר ווייטער דינען דעם אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## דארף איך זיך אריבערציען וואוינען נעבן מיין טאטע?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*קודם כל דארף איך אפגעבן א יישר כח פאר די געוואלדיגע שיעורים, די פשוטע אמונה, די עצות אויף אלע אספעקטן אין לעבן, אויף שלום בית, חינוך און נאך, דאס איז ממש מיין וועגווייזער אויף טריט און שריט. דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען אנגיין מיט עבודת הקודש, אריינצוברענגען די לימודים פון רבי'ן אין אידישע קינדער.*

*איך האב ברוך ה' שוין חתונה געהאט פאר אסאך יארן, מיר האבן ברוך ה' א שטוב מיט ליכטיגע קינדער, און אויך א גוטע פרנסה ברוך ה'. איך וואוין אין ארץ ישראל, איך האב דא חתונה געהאט, אבער איך קום פון א צווייטע לאנד.*

*מיינע עלטערן האבן שוין חתונה געמאכט אלע קינדער, און ברוך ה' אז זיי זענען אויך שוין מצליח אין לעבן, אבער לעצטנס האט זיך מיין טאטע פארלייגט אויף מיר און ער וויל איך זאל צוריקגיין וואוינען נעבן אים.*

*מיר איז דאס זייער שווער, איך האב זיך זייער גוט מסדר געווען דא שוין פאר אסאך יארן, מיין ווייב'ס גאנצע משפחה וואוינט דא, בכלל איז דאס זייער שווער זיך אויפצוהייבן יעצט מיט א גאנצע משפחה און זיך אוועקציען צו א צווייטע לאנד, און ס'איז דא אסאך פראבלעמען וואס איך קען דארט האבן, אויסער נאך אסאך סיבות פארוואס ס'איז מיר זייער שווער דאס צו טון.*

*פון די אנדערע זייט וויל דאך דער אייבערשטער איך זאל מכבד זיין טאטע מאמע, אפשר וועגט כיבוד אב איבער די אלע שוועריקייטן? מיין טאטע וועט זיין זייער אנטוישט אויב וועל איך זיך נישט אריבערציען נעבן אים.*

*איך האב שוין געמאכט אסאך התבודדות און תפלות אויף דעם, מען אבער אויס ס'איז נאכנישט געווען גענוג. מיין טאטע דריקט אויף מיר ווען איך קום שוין, און איך ווייס נישט וואס צו טון, איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר פירן אויפ'ן ריכטיגן וועג.*

*יישר כח*

**"<u>היינט</u> גיי איך אפלאזן אלע נארישקייטן, <u>היינט</u> הייב איך אן דיר צו דינען, <u>היינט</u> גיי איך זיין אן ערליכער איד", קוק נישט אויף דעם וואס דער יצר הרעווארפט דיר אראפ און געב נישט אויף ווען דו זעסט אז דיינע קבלות האלטן נישט אן.**

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת קרח, כ"ז סיון, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס איז די מצוה פון כיבוד אב ואם. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין ל:): "שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בְּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאָבִיו וְאִמּוֹ, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אֹמֵר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", ווען א מענטש איז מכבד טאטע מאמע, זאגט דער אייבערשטער, איך רעכן עס כאילו ער איז מיך מכבד; נאך זאגן די הייליגע חכמים (ירושלמי קידושין א, ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוֹמֵר, גָּדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", רבי שמעון בן יוחאי זאגט, דער אייבערשטער האט אונז באפוילן מען זאל מער מכבד זיין טאטע מאמע ווי מען זאל מכבד זיין דעם אייבערשטן אליינס.

**דו דארפסט נישט אהין גיין וואוינען**

קענסט בלייבן וואוינען דארט וואו דו וואוינסט; כיבוד אב מיינט נישט צו זאגן אז מען דארף טון וואס די עלטערן זאגן, עס איז דא הלכות וואס מיינט כיבוד אב ואם, א גאנצע סימן אין שלחן ערוך (יורה דעה, סימן רמ) - וואס מיינט כיבוד, וואס מיינט מורא; עס מיינט נישט צו זאגן אז יעדע זאך וואס טאטע מאמע פארלאנגען פון די קינדער מוזן די קינדער טון, **דו זיי מכבד דיינע עלטערן; רוף זיי יעדן איינציגסטן טאג, דערצייל זיי פון דיינע קינדער, דערצייל זיי שיינע זאכן, מעשיות פון צדיקים, מעשיות פון השגחה פרטיות;** דו דארפסט נישט אהין גיין וואוינען.

**וואס איז דער גרעסטער כיבוד אב ואם?**

די גרעסטע כיבוד אב איז, ווען די עלטערן זעען זייער קינד לערנט און דאווענט און פירט זיך מיט יראת שמים (עיין קיצור שלחן ערוך הלכות כיבוד אב ואם, סימן קמג). ווער עס וויל באמת מכבד זיין זיינע עלטערן זאל לערנען די הייליגע תורה און עוסק זיין אין מצוות ומעשים טובים, דאס איז דער גרעסטער כיבוד אב וואס עס איז נאר שייך, מענטשן זאגן: **"וואויל איז פאר די עלטערן וואס האבן מגדל געווען אזא קינד"**, חס ושלום, אז מען גייט נישט בדרך התורה - דאן ווערן די עלטערן זייער פארשעמט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**